







Expansion of the Enlightenment
- through 1750
- through 1800
- through 1850

Centres of the Enlightenment
- ⊛ up to 1750
- ★ up to 1800
- • up to 1850

אוסף ספרים
LIT 5507

# שירי זמרה

דרייסיג הזלוכע באור לווער אין ריין יודיש לשון, יעדעם ליעד בזינגט זייער איין אדרוטעניטון קלאם, אונ זאגט אקאראט דעם קאראקטער פון יעדען, אז עס אוז אגרוס פיר גנוגין צו לעזון, אונ אוך לערונט מען דער פון זייער פיל חכמה

Schire simru.

Druck u. Verlag des

U. W. SALAT.

Nachdruck vorbehalten.

Lemberg - 1864.

# אינהאלט

אין דיזעם שירי זמרה גפינון זוך אלו שיינע לידער וואס דוא בראדער אין לעמבערג גיזינגען האבון. אונ אוך דאס ליעד פון דעם סאר פאפר בעריל בראדער וואס האט לידער סאר פאסט גמאכט:

א ליעד פון איין פאסטוך
ב טאג אונ נאכט
ג איין ארימאן
ד פעקילמאכער
ה ווי איין מאטי קומט צום קונד
ו פון איין גרעבער
ז שמש
ח קאמעט שטערון
ט שינדיל שלעגר
י שריפה אונ בראד
יא בלינדין
יב אפנקומונום עושר
יג גזירה חתונה
יד בעל עגלה
טו חזן
טז צווייא שטערון





יז בעריל בראדער
יח וויא איין חכם שמוסט צו דר וועלט
יט פון איין מלמד
כ שדכן
כא הויזגער וואס מען האט אום גשמאכון
כב איין בעל דרשר
כג שיסטער מוט איין שניידער
כד וואכן געלדער
כה וועכטער
כו גאלדינים ומארגון
כז וואנדערער
כח בהעלפר
כט גשטארבונום
ל וואסר טרעגער

אונד אלע לידער וואס היר אוף גרעכונט זונד זענון אוף דעם פאפיהר אונ ווערטר צוואר אבער גאנץ וויא לעבענדיג פארגישעלט:

## ליד פון בערל בראָדער.

איך, בראָדער בערל,
איך שרײַ צו אלע מענטשן:
הערט אויס ווערטער ווי פּערל,
מיט כיין זאָל מיר גאָט בענטשן!
צוזינג:

איך בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריִע,
איך דאנק דיר און לויב דיר, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מײַן ישועה.

מײַנע ליבע גוטע ברידער,
הערט מיר נאָר צו,
און מײַנע שיינע לידער
און אויך צו דער שיינער מעלאָדיִע.
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

איז דען אזוי גרינג אָפּזאָגן,
אף יענעם א ליד צו מאכן,
בא קיין וואָרט זיך ניט אָנצושלאָגן
און אויס קיינעם קײַן כויזעק צו מאכן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

פארוואָס זאָל מיך, בערל, נישט פארדריסן,
אז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט,
וויל קיינער פארנעמען מײַן שמועסן,
ווי טײַער עס האָט דעם ווערט!
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

אין יעדנס כאראקטער קלער איך גוט,
באליידיקט זאָל קיינער נישט ווערן,
צום סאָף זײַנען אומגליקלעך מײַנע שריט;
פארוואָס זאָל איך ניט וויינען מיט טרערן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

דער מויעך ווערט מיר אויסגעדארט
אף יענעמס כאראקטער צו צילן;
פרעג איך אײַך: איז דען דאָס א זיסע ארט,
פארוואָס זאָל דאָס קיינער ניט וועלן פילן?
יענעמס כאראקטער איבערצוזעצן
און אלצדינג צו טרעפן קלאָר,
און קיין בריִע נישט אראָפּצוזעצן
אפילו אף דער מינדסטער האָר!

איך בערל פון בראָד א. א. וו.



פֿון נחום שטיף, רעד' די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור: כרעסטאָמאַטיע (קיִעוו 1929)

| | |
|---|---|
| # שירי | |
| ## מ. גארדאָן | |
| # יודישע ליעדער | |
| פון | |
| ## מיכל גארדאָן | |
| **ווארשא** | |
| בהוצאת המדפיס י. אלאפין | |
| ЕВРЕЙСКІЯ ПѢСНИ | |
| М. Гордона | |
| ВАРШАВА | |
| Въ Типографіи И. О. Алапина, Налевки № 47. | |
| 1889. | |

# טַבְּלִיצָע


| | |
|---|---|
| מיינע ליעדעלעך | 4 |
| דער יוד אין גלות | 8 |
| די בארד | 15 |
| דער גט | 17 |
| מיין תשובה | 19 |
| די בילדונג | 23 |
| די געטליכע האנד | 27 |
| שטייא אויף מיין פאלק | 29 |
| מיין הסכמה | 36 |
| נאר אלץ אויף יענעמס נאז | 38 |
| די שטופמיטטער | 40 |
| ענטלויף פון איהם | 43 |
| דער בארשט | 45 |
| די משקה | 49 |
| איך קען ניט פערשטיין | 54 |
| א נייער מופת | 57 |
| יוצא זיין | 61 |
| א משל | 64 |
| מיין וידוי | 66 |
| מיין לעצטער טאג | 70 |
| בר מצוה | 73 |
| ז—דע פאר דעם גט | 77 |
| פון דער חופה | 81 |
| מיין דעה | 93 |
| מיינע יאהרען | 99 |
| מיין צואה | 105 |
| מיין לעבענסצייט | |

# מיכל גאָרדאָן

געבוירן דעם 4טן נאָוועמבער 1823 אין ווילנע; געשטאָרבן דעם 24סטן דעצעמבער 1890 אין קיעוו.

## די שטיפֿמוטער

אויפֿן בית-הקבֿרות, אונטער אַ מצבֿה,
הערט זיך ביטער אַ קול פֿון אַ נקבֿה,
דאָס שרײַט אַ מוטער: אוי, ווײ מיר, אוי, ווינד,
וואָס טוט אַ שטיפֿמוטער מײַן טײַערן קינד...

מײַן גאַנצעס לעבן וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט,
איז דאָס נאָר געווען אַ פֿינצטערע נאַכט,
מײַן קינד איז מיר געווען מײַן ליכט, מײַן שײַן,
איצט לײַדט עס נעבעך גרויס צרות און פּײַן.

מיט בלוט פֿון הארצן האָב איך אים דערצויגן;
כ'האָב אים געוואַשן מיט טרערן פֿון מײַנע אויגן,
איצט צאַפּט מען זײַן בלוט, מען ברעכט זײַנע ביינער,
ער שרײַט, ער וויינט, עס העלפֿט אים ניט קיינער.

עס שטייען מענטשן פֿון אָרום און אָרום,
וואָס שווײַגט איר אַלע, צי זײַט איר שטום?
ווען אײַער הארץ איז פֿון אײַזן און שטיין,
פֿון קינדס הייסע טרערן דאַרף עס צעגיין.

אַט זעט, די שטיפֿמוטער שלאָגט אים אין קאָפּ,
זי דראַפּעט זײַן פּנים, בלוט רינט אַראָפּ;
זי שלאָגט אים, וואַרפֿט אים אויף די ערד אַנידער;
זי בײַסט אים, רײַסט אים, ברעכט זײַנע גלידער.

ער שרײַט: אָ, מוטער! אָ, מוטער, העלף מיר!
ווען קענסטו ניט העלפֿן, טאָ נעם מיך צו דיר.
שטייט אויף אַלע טויטע, שטייט אויף געשווינד,
שטייט אויף אַלע טויטע, ראַטעוועט מײַן קינד!

אַלע טויטע ליגן רויִק אין זייער רו.
צו גאָטס כּסא-כּבֿוד פֿלי איך באַלד צו.
פֿון גאָטס כּסא-כּבֿוד וועל איך ניט אָפּטרעטן,
ביז ער וועט דערהערן מײַן שרײַען, מײַן בעטן.

.:.

רבונו של עולם, ווו זענען דײַנע רחמנות,
דער פֿאָטער ביסטו פֿון יתומים און אַלמנות;

ווי קענסטו זען ווי די מרשעת,
גיסט אויס אויף מײַן יתום איר גיפֿטיקן כּעס?

מײַנע יונגע יאָרן האָסטו מיר אָפּגעשניטן,
ביסטו מחויב מײַן יתום צו היטן;
פֿון דײַן וועלט האָב איך ניט געהאַט פֿאַרגעניגן,
טאָ לאָז מיך כאָטש רויִק אין קבֿר אײַנליגן.

ווי קען איך אין קבֿר אײַנליגן בארוט,
ווען ס'רינט מיר אַרײַן מײַן יתומס בלוט;
ווי קען איך צום גרוב צוריק זיך אומקערן,
ווען מײַן גרוב איז פֿול מיט מײַן יתומס טרערן?

.:.

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, זײַ רויִק, מײַן נשמה,
איך האָב שוין געהערט פֿון גאָט אַ נחמה.
גאָט זאָגט: ס'וועט זײַן צו דײַנע צרות אַן ענד,
ער וועט אויסלייזן דיך פֿון דער שטיפֿמוטערס הענט.

די מרשעת, די שטיפֿמוטער, וועט גאָט באַשטראָפֿן,
און דו, מײַן קינד, שווײַג: צו גאָט זאָלסטו נאָר האָפֿן,
פֿאַר אַלע דײַנע צרות, פֿאַר אַלע דײַנע לייד,
וועט גאָט דיר באַצאָלן מיט נחמות און פֿרייד.

נו, שווײַג שוין, מײַן קינד, וויש אָפּ דײַנע טרערן,
דו זאָלסט מיך ניט מער פֿון מײַן רו שטערן.
גאָט וועט דערפֿילן זײַן הייליק וואָרט, —
נו, קען איך שוין ליגן רויִק אין מײַן אָרט.

# מקל נועם.

כולל שירי עם (פאלקס לידער) בלשון המדוברת בין היהודים בארצות פולין ומאלדויא עם העתקת לשון עברית

מאת

וואלף עהרענקראנץ זבארזער.

# Makel-Noam.

**Volkslieder**

in polnisch-jüdischer Mundart mit hebräischer Uebersetzung von

**W. Ehrenkranz-Zbarzer.**

Erstes Heft.

Gedruckt bei Berl Lorje in Lemberg 1969.

Ehrenkranz
1826-1883

RESTR
PJ
5129
A3
E37
M36

JEWISH THEOLOGICAL SEMINARY OF AMERICA
LIBRARY

# די נאַכטיגאַל

שמואל סיגל (לאָס־אַנדזשעלעס) האָט געהערט דאָס ליד פֿון זײַן פֿאָטער. די ערשטע צוויי שורות זײַנען:

ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל —
אַזוי ווי די גיפֿט פֿון די שלאַנגען.

ענטפֿער:

עס איז פֿון וועלוול זבאַרזשערס „די נאַכטיגאַל״, געדרוקט אין מקל נועם, ווין, 1865, מיט פּאַראַלעלע ייִדישע און העברעיִשע טעקסטן. דאָס ליד האָט 14 אַכט־שורהדיקע סטראָפֿעס. עס איז אויך דורכגעגאַנגען אַ פֿאָלקלאָריזירונג־פּראָצעס און געוואָרן אַ גנבֿים־ליד (פּ. גראַובאַרד בײַ אונז יודען, וואַרשע, 1923, ז׳ 34, נומ׳ 86, און ש. לעהמאַן גנבֿים־לידער, וואַרשע, 1928, ז׳ 7 מיטן ניגון, און ז׳ 205).

מיר דרוקן דעם פֿולן טעקסט פֿון ליד:

## די נאַכטיגאַל

1
ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל,
ווי גיפֿט פֿון די שלאַנגען, —
קלאָגט און וויינט די נאַכטיגאַל
ווען זי ווערט געפֿאַנגען,
איך וועל די וועלט שוין נישט געניסן,
ביטער איז מיר און זויער,
מ׳וועט דאָך מיך באַלד פֿאַרשליסן
אין אַ פֿעסטער מויער.

2
אַך, איך זע דאָרט פֿייגל פֿליִען,
איך קוק צו מיט די אויגן;

איך וואָלט גערן נאָכגעטיִען,
ווי זיי, הויך געפֿלויגן;
איך וואָלט גערן אויך גענאָסן
די פֿרישע לופֿט ווי זיי.
איך בין דאָך אָבער פֿעסט פֿאַרשלאָסן,
ווינד איז מיר און וויי!

3
אָך, וואָס טויג מיר גאָר די מעלה,
מײַן שטימע זאָל שיין קלינגען,
איז דען נישט בעסער די פֿייגל אַלע
וואָס זיי קענען גאָר נישט זינגען;
זיס ווי צוקער איז דאָס לעבן
אַז מ׳דאַרף נישט קיינעם הערן,
הילן *, שטיפֿן, פֿליִען, שוועבן,
און עס קאָן נישט קיינער ווערן.

4
זיי פֿליִען אין די בלומענפֿעלדער, —
וואָס קאָן דערפֿון זײַן ליבער;
אויף די הויכע ביימער אין די וועלדער
בויען זיי זיך שטיבער.
אַזוי לעבט גליקלעך גאָר דער מינדסטער,
ווער עס האָט נאָר פֿליגל,
און איך ליג נעבעך אין דער פֿינצטער,
פֿאַרשלאָסן מיט אַ ריגל.

5
פֿאַר דעם יעגער בין איך אַנטלאָפֿן,
ער האָט געוואָלט מײַן בלוט פֿאַרגיסן;

---

* = הוליען.

בעסער וואָלט ער מיך געווען געטראָפֿן,
מיך געווען דערשיסן.
איך וואָלט געעקט גאָר אין קערצן,
איך וואָלט נאָר דערפֿילט די שרויט;
איידער צו לעבן מיט אַזוי פֿיל שמערצן,
איז ליבער שוין דער טויט.

6
וואָס הער איך דאָרטן מיט די אויערן
וויינען נאָר און קלאָגן,
איינער שרײַט, ער איז פֿאַרלוירן,
ער איז גאָר דערשלאָגן.
ער איז נע ונד, ער האָט קיין היים,
ער שרײַט ער איז פֿאַרבײַ,
אָך, ווי בין איך מקנא דעם
וואָס ער איז נאָר פֿרײַ.

7
מיר זענעןביידע גאַנץ פֿאַרשידן,
יעדער בעט פֿאַרקערט,
און עס איז קיינער נישט צופֿרידן
ווי עס איז אים באַשערט.
אַזוי הערט מען אויף דער וועלט
נאָר טרויִ'ריקע שטימען;
וואָס יעדער וויל וואָס אים געפֿעלט
קאָן ער נישט באַקימען *.

8
אין דעם שטײַגל שטיי איך מיט גרויס יסורים,
זיי ווילן מיך נאָר מיטשען **,

* = באַקומען.
**=מוטשען.

זיי מאַכן סעודות־פּורים
און פֿאַרלאַנגען איך זאָל קוויטשען;
אַך, ווי קען מען דעמאָלט זינגען
ווען די צרות פּרעסן,
די נאַכטיגאַל איז דערצו געצווינגען *,
זי פֿאַרדינט דאַמיט איר עסן.

9
די כּוחות גייען מיר אויס שיִער,
איך שמאַכט פֿאַר דאָרשט און הונגער,
דערמאָנט זיך קיינער נישט אָן מיר,
אָן דעם נאַכטיגאַל דעם זינגער;
ביז איך הייב אָן שרײַען, וויינען
און מאַך אַ גרויס גערידער,
און זיי טראַכטן און זיי מיינען,
אַז איך זינג זיי לידער.

10
זע! דו גאָט, דו געטרײַער,
ווי שלעכט די מענטשן זענען;
פֿון דעם הימל שיק אַ פֿײַער,
דאָס הויז זאָל אָפּברענען;
וועל איך ווײַטער פֿליִען אין דער הייך,
מיט דער פֿרישער לופֿט זיך קוויקן,
און דעם בע"הב ** דעם רוצח
וועל איך נישט אָנקיקן ***.

* = געצוווּנגען.
** = בעל־הבית.
*** = אָנקוקן.

11
קלאָגט מיט מיר, איר מענטשנזעלן,
איר זענט ווי איך אומגליקלעך,
איר מוזסט אײַך אויך דאַ נעבעך קוועלן,
קרענקען אויגנבליקלעך;
איר האָט די פֿרײַהייט אַ מאָל גענאָסן,
איר האָט געלעבט גאָר ווי אַם בעסטן,
הײַנט זענט איר גוט פֿאַרשלאָסן
אין דעם קערפּער, אין דעם פֿעסטן.

12
דער קערפּער טוט וואָס ער וויל,
וואָס איר ווילט גאָר מײַדן
און איר ליגט נעבעך שטיל
און מוזסט אַלעס לײַדן.
ביז די צײַט וועט פֿאַרשווינדן,
איר וועט גיין צוריק,
זענט איר נעבעך פֿעסט געבינדן *
מיט די לעבנסשטריק.

13
פּונקט אַזוי ווי איך אַצינד
בעט דעם מענטשנס זעלע,
נאָר איר הויז זאָל גיין צו גרונד
ווערט זי פֿרײַ ממילא.
עס פֿאַלט נישט אײַן גאָר דעם קליגן **
אַז ער וועט נישט אייביק לעבן,
ער האָט די זעלע בײַ גאָט געליגן,
ער וועט זי באַלד אָפּגעבן.

14
אַך, איך ווייס נישט וואָס צו טוען
איך קאָן מיר קיין עצה געבן,

איך האָב לוסט נאָר צו פֿליִען,
אין דער הייך צו שוועבן.
זינג איך נישט יאָרן לאַנג,
האָב איך נויט און לײדן
וואָס זשע פּועל איך מיט מײַן געזאַנג,
איך בין פֿאַרקויפֿט אַיעדן.

* = געבונדן.
** = קלוגן.

זבאָרנשטשאַט 12: דער נאַכטיגאַל
"ייִדיש גנבים-לידער מיט מעלאָדיעס"

שמואל לעהמאַן

# I

## פינסטער איז מיר.




אוי, פינצטער איז מיר אַזוי ווי די גאַל,
אַזוי ווי דער גיפט פון די שלאַנגען.
אַך! ווען איך קלאָג, אוי, איך נאַכטיגאַל,[1]
וואָס מ'האָט מיך אַזוי געשווינד געפאַנגען.

---

[1]) דאָס ליד איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דאָס ליד פון נאַכטיגאַל".

FOLKWAYS RECORDS Album # FW 8738
©1963 by Folkways Records & Service Corp., 121 W. 47th St. NYC USA

# Selected Songs of ELIAKUM ZUNSER

## sung in Yiddish by Nathaniel A. Entin with Merienka Michna at the piano



By Abraham Cahan

The poetry of Eliakum Zunser is sometimes described as intellectual. If that were all that could be said about it, one would be at a loss to account for the immense fascination it had for the unintellectual masses. A similar query is suggested by a certain characterization of the music to which he set his lines. Composer and bard at once, he is said to have invested his verse in a species of recitative rather than in melody. But then common people, and more especially our common people, are passionate lovers of melody. Yet every new song that issued from Zunser's lips was sure to be hungrily seized upon by the multitude and to spread like wildfire over the ghettos of Russia, Poland, Galicia and Roumania.

To do justice to his unique genius, to appreciate the charm which his songs had for our people, one must be familiar with the combined effect of the text and music in them, with special attention to the peculiar witchery of the rhythm throbbing in both.

You would enjoy them separately, too. You would admire the pretty little parables he develops out of the simplest things of everyday life, the quaint moral to which he leads up his meditations, or the ardent love for Israel that glows in them. Likewise, you would admire the homelike, yet compelling cadences of his intonations on their own account. It is music of a high order. As for the appeal it has for me, it is heavenly music. If, however, you would realize the full spell which a song of Zunser's generally cast over a toiling shop girl or house-wife singing it as an accompaniment to her work, the poetic moods it would put her into, the intoxicating visions of beauty it would unroll in her mind, you must intone it as the great "wedding bard" Eliakum Zunser taught his unnumbered worshippers to do. The Zunser melodies which I remember best echo in my mind, in each case, as a vague, soulful recital of some ancient tale of woe and, at the same time, as a spirited argument in support of the particular bit of wisdom that forms the theme of the song.

Seemingly the height of simplicity and all but made up of accents of ordinary speech, I can never hum an air of his without succumbing to what impresses me as the magic mysticism of something hovering in the background.

Millions of Yiddish-speaking men and women sang his ditties and brooded over his thoughts long before terms like "Yiddish literature" or "Yiddish culture" were dreamed of. Thinking, singing and writing during a period when such things as Yiddish newspapers and other organs of publicity of modern times were utterly unknown, he achieved a popularity that would have been considered stupendous in our own day.

Eliakum Zunser is one of the most remarkable men I ever met. One of the scenes of my early youth which I cherish among the most precious gems in my memory is an occasion when I heard him perform some of his famous songs to the accompaniment of his then celebrated orchestra. That was in Vilna, in the latter part of the seventies. It was an evening of thrills for me and I beheld the entranced faces of the other members of the audience. A dense crowd was listening spellbound in the street outside. And for weeks and weeks afterwards I would often catch myself humming one of the tunes I had heard on that divine evening and evoking the never-to-be-forgotten image of the wizard of rhythm as he stood singing and beating time for his own voice as well as for the instruments.

Many years later I heard him at a concert at the Thalia Theatre in New York. The orchestra was, naturally, much larger than the one which accompanied his singing in Vilna in the seventies. As for Zunser's success, it was as great in the new setting as it had been in our old home.

We met occasionally, on East Broadway, where he owned his little printing shop and I had my office. We visited each other on several occasions and in one instance, we sang some of his early melodies together. A Gentile American was present, a literary man who had wanted to know the celebrated poet and whom I had introduced to him. As he watched us sing those wonderful melodies, our moist eyes telling a tale of yearning for olden times, the Anglo-Saxon was all but moved to tears as well.

Eliakum Zunser is one of the immortals in the history of Yiddish life. His marvelous gifts and enormous popularity, his original art and the unique character of the sway he held over the Jewish masses have secured for him a conspicuous place in the Pantheon of our popular literature.

# אליקום צונזער

געבוירן דעם 28סטן אָקטאָבער 1836 אין ווילנע (לויטן ייִוואָ־אַרכיוו געבוירן אין יאָר 1840) געשטאָרבן דעם 22סטן סעפּ־טעמבער 1913 אין ניו־יאָרק.

## די בלום

ווו אַלע פֿאָרן, אין מיטן וועג,
ליגט דאָרט אַ טײַערע בלום;
ליגט און פֿוילט שוין אייניקע טעג,
דער ווינט וואַרפֿט איר אַרום;
און זי שרײַט און וויינט מיט גרוים געבעט:
„פֿאַמעלעך, זעט ווי איר גייט!
האָט רחמנות, זעט, איר צעטרעט
אַ בלום מיט אַ פּרעכטיקן קוויט!
רחמנות האָט ווער,
קומט נאָר אַהער —
הייבט אויף אַ בלום, וואָס זי גלאַנצט!
טראָגט מיך אַהין,
פֿון וואַנען איך בין,
ווו מע האָט מיך צום ערשטן געפֿלאַנצט.

אַז איך זע איצט בלומען פֿון יעדער זײַט,
גיסט פֿון מיר טרערן אַ טײַך;
איך דערמאָן זיך מײַן גליק פֿון די פֿאַריקע צײַט —
געווען מיט אַלע בלומען צו גלײַך...
אין קייזערלעכן גאָרטן ווען איך האָב געבליט,
און די זון האָט מיר ליכטיק געשײַנט,
צענדליקע דינער האָבן מיך געהיט —
טאָ זעט נאָר דעם סוף פֿון מיר הײַנט:
דער טרעט אין דער קוועטשט.
צעווייקט און צענעצט.
די בלעטער — אַראָפּ פֿון קאָליר;
איך ליג אויפֿן מיסט,
דער רעגן ער גיסט,
עס איז גאָר קיין רחמנות אויף מיר".

ווי די בלום וויינט דאָ און שרײַט,
עס צענעמט יעדער מענטשן זײַן הערץ,
קומט אָן אַ מלאך גאָר פֿון דער זײַט
און הערט דאָ איר שרײַען, איר שמערץ.
„זאָג מיר, דו בלום, זאָג מיר דעם וואָרט,
צענעמסט מיך מײַן האַרץ אָן אַ ברעג;
ווו ביסטו געוואַקסן? ווי רופֿט מען דעם אָרט?
ווי קומסטו אַהער אויפֿן וועג?"
טוט זי אַ געשריי:
„אוי, ווינד איז מיר, וויי!
צי דו דערקענסט מיר שוין גאָר ניט פֿון פֿרי׳ר?
פֿון ירושלים בין איך,
׳ייִד׳ רופֿט מען מיך,
האָב דו כאָטש רחמנות אויף מיר!

פֿאַר צוויי טויזנט יאָר ווען דו וואָלטסט מיך זען,
בשעת איך האָב מײַן מלוכה געהאַט,
וואָלטסט אַליין דיך פֿאַרוווּנדערט ווי איך בין געווען,
די שוינהייט פֿון מײַן יעדער בלאַט —
כּהנים, לוויים, יענערעלער אָן אַ שיעור,
איך האָב דאַמאָלס שטאָלצירט אין פֿלאָר.
דאַן האָט מען פּלוצלינג אויסגעריסן מיר,
איך וואָלגער מיך באַלד צוויי טויזנט יאָר...

ווו איך בין געווען,
האָב איך רציחות געזען,
געריסן מיר גליד פֿאַר גליד;
געברענט און געשניטן,
און נאָך מער צרות געליטן —
און נאָר ווײַל איך בין אַ ייִד!"...

אַזוי האָט זיך אַ מאָל געוואָלגערט דער ייִד,

ווי די בלום אויפֿן וועג מיט איר צוועט;
דער נעמט אים זײַן כּבֿוד, דער רופֿט אים „זשיד",
דער מיט די פֿיס אים צעטרעט.
און ער האָט שוין פֿאַרלאָרן זײַן מוט און זײַן דרייסט,
פֿאַרלאָרן זײַן קראַפֿט און זײַן מאַכט;
מער ניט די אמונה, דאָס איז נאָך זײַן טרייסט
אין דער לאַנגער, פֿינצטערער נאַכט.
אָך, מײַן הערץ
פּלאַצט מיר פֿון שמערץ,
דו האָסט דאָך אַ מאָל אויך געבליט!
אַזוי אַ שיינער צוועט
יעדערער טרעט,
ווי האָט איר עס קיין רחמנות ניט?...

ווי נאָר דער מלאך הערט איר דאָ דערמאָנען
איר אַלטן יִחוס פֿון ציון,
זעצט ער איר צעווישן אַלע וואַזאָנען,
זי הייבט ווידער שוין אָן צו בליִען.
און ער טרייסט איר מיט מיטלייד: „וויש אָפּ דײַנע טרערן,
די זון הייבט דיר אָן שוין צו שײַנען;
איך וועל דיר חלילה דײַן אמונה ניט שטערן,
איך וועל דיר נאָך פּוצן און פֿײַנען!"
פֿרעגט זי בײַ עם:
„זאָג מיר דײַן שם,
לאָמיך וויסן דעם נאָמען פֿון זיי;"
ענטפֿערט ער מיר
„דער נאָמען פֿון מיר
איז אַלכּסנדר, קײַזער פֿון ראַסיי".

א. בירנבוים (ברוקלין, נ״י) האָט דאָס ליד געהערט אויף אַ פּלאַטע ייִדישע פֿאָלקסלידער, אַרויסגעגעבן אין נ״י. עס ווערט דאָרט אָנגעגעבן און געזונגען ווי אַ חסידיש ליד:

קום אַהער, דו פֿילאָסאָף,
מיט דײַן קעצישן מוחל,
קום אַהער צום רבינס טיש,
וועט ער דיך לערנען שׂכל.

ענטפֿער:

דאָס איז אַ משׂכּיליש ליד, געשאַפֿן פֿון בנימין־וואָלף עהרענ־קראַנץ, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען וועלוול זבאַרזשער. *

ווי זײַן געבוירן־דאַטע ווערן אָנגעגעבן פֿיר דאַטעס: 1812, 1819, 1823 און 1826 (די לעצטע לויט דעם אויפֿשריפֿט אויף זײַן מצבֿה). עס איז באַוווסט אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל זבאַראַזש, מיזרח־גאַליציע, און איז געשטאָרבן אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, אין 1883.

## דאָס גוטע קעפּל

וואָס פֿאַרשטייסטו, פֿילאָסאָף,
מיט דײַן פּלאַטשיקן מוחל,
גיי צום רבין נאָר אַרויף,
און לערן דיך דאָרטן שׂכל.
זיץ אַ מאָל בײַם רבינס טיש
ווען ער זינגט די זמירות
ווי עס קוועלט די חכמה פֿריש,
וואָס טויגן דײַנע חקירות?

וואָס טויגן אַלע פֿילאָסאָפֿן
מיט זייערע נאַרישע הסברות,
זיי זאָגן דער מוח איז זיי אָפֿן
און טויגן אויף כּפּרות.
אַן אײַזנבאַן האָט ער געמאַכט
און מיינט ער איז אַ חרוץ,
דער רבי שפּעט דערפֿון און לאַכט,
ער האָט קפֿיצת־הארץ.

אַ דאַמפֿשיף מאַכט אַ פֿילאָסאָף
און נעמט דערמיט זיך איבער,
דער רבי שפּרייט דעם קאַפּטן אויף
און גייט צו פֿוס אַריבער.
האָט ער חשק, דער גוטער קאָפּ
דאָס אַנדערש אויסצופֿירן,
נעמט ער דעם שטעקן און גיט אַ קלאַפּ,
גייען מיר דאָרטן שפּאַצירן.

איינער מאַכט אַ לופֿטבאַלאָן
און פֿליט אין דער הייך טאַקע,
אָבער וואָס דער רבי קאָן,
קען דאָך ער אַ מכּה.
קען ער דען וואָס דער רבי טוט
ווען ער זיצט ביחידות,
ווי ער אין איין מינוט אין הימל פֿליט
און עסט גאָר שלש־סעודות.

אַ טעלעגראַף האָבן זיי אויסגעטראַכט,
מען זאָל פֿון דער ווײַטן הערן,
זיי האָבן דאָס אונדז נאָכגעמאַכט,
קען איך דערויף שווערן.
דעם אמת ווילן זיי נישט זאָגן,
עס פּאַסט זיי נישט צום רימל *,
ווי מיר הינטן הושענות שלאָגן
און גאָט הערט דאָס אין הימל.
זיי שנײַדן זיך אָפּ האַלבע פּאָלעס,
עס איז מיר נימאס צו דערציילן,
און זיי לערנען אין די שקאָלעס
רעכענען און ציילן.

דער רבי קען דאָס פֿון זיך אַליין
גאָר אָן זייער חקירה,
דער חשבון איז בײַ אים תּמיד ריין
ווען ער ציילט ספֿירה.

מיכל גארדאַן

## די משקה

נו, לאָמיר שוין משקה טרינקען, ברידער,
מיר זאָלן דערלעבן — צו טרינקען ווידער;
נו, לאָמיר שוין טרינקען, גענוג שוין עסן,
ווי קענט איר אַזוי לאַנג אַן משקה פֿאַרגעסן!
אָט ווען די משקה וואָלט אונדז געפֿעלט,
ווי וואָלטן מיר לעבן אויף דער וועלט?

די משקה מוז איך ערלעך האַלטן,
איך שטיי פֿאַר איר אויף ווי פֿאַר אַן אַלטן,
דען זי האָט געקענט מײַן עלטער באָבען;
די באָבע פֿלעגט זי ליב האָבן.
פֿון איר האָב איך גערירשנט די מעלה
צו טרינקען ביזן עק און אַלע ווײַלע.

בשעת אַ שדכן איז געקומען צום זיידן,
דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ שידוך ריידן,
האָט מען גערעדט און גערעדט, ס'איז געוואָרן נישט,
ביז וואַנען די משקה האָט זיך אַרײַנגעמישט;
דורך משקה איז געוואָרן דער שידוך געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער מאַמעס חתן.

מען האָט טאַקע באַלד די חתונה געמאַכט,
געטרונקען משקה די גאַנצע נאַכט,
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אַלע
לכּבֿוד דעם חתן, לכּבֿוד דער כּלה;
דורך משקה האָט דער טאַטע די מאַמען גענומען,
דורך משקה בין איך אויף דער וועלט געקומען.

איך געדענק נאָך, אַז בײַ מײַן ברית
איז משקה ניט אַראָפּ פֿון טיש;
געשריִען האָבן אַלע מזל-טובֿ!
דאָס קינד זאָל לעבן און זײַן אַ רבֿ!
אָט ד'ריבער טרינק איך אַ רובֿ-כּוס,
דאָס רובֿ טרינק איך גאָר אָן אַ מאָס.

באַלד מען האָט מיך אַנטוויינט פֿון ברוסט,
האָב איך צו משקה באַקומען גרוים לוסט,
איך האָב ניט געוואָלט דער מאַמעס קאַשקע,
איך האָב נאָר געוואָלט אַ ביסעלע משקה.
כ'פֿלעג טרינקען מיט אַ לעפֿל פֿון אַ שיסל
און שרײַען: מאַמע, גיב נאָך אַ ביסל!

בײַ מײַן בר-מיצווה האָט מען מיר
געהייסן טרינקען גאָר אָן אַ שיעור.
פֿון אַלע מיצוות איז די גרעסטע,
צו טרינקען משקה נאָר די בעסטע.
ווען איך טרינק משקה אַ גלעזער דרײַ,
בין איך פֿון אַלע מיצוות פֿרײַ.

ווען נאָר די משקה רעדט מיך אָן,
מעג איך שוין אַלע עבֿירות טאָן;
מען קען קיין מאָל מיך פֿאַר עפּעס שטראָפֿן,
ווײַל תּמיד בין איך ניט אויסגעשלאָפֿן;
איך האָב קיין בושה, קיין דרך-ארץ,
כ'האָב משקה געטרונקען, איז אויף אַלץ אַ תּירוץ.

בשעת מען האָט מיך צו דער חופּה געבראַכט,
וואָס דאַרף איך די צרה? — האָב איך זיך באַדאַכט;
נאָר באַלד האָט מען משקה געבראַכט צו טראָגן,
די שבֿע ברכות אויף משקה צו זאָגן:
ווען איך וואָלט דאָ די משקה ניט אָנגעטראָפֿן,
וואָלט איך פֿון דער חופּה באַלד אַנטלאָפֿן.

דאָ זאָגט מיר די משקה קלוגע דיבורים:
דו שטיי גאַנץ רויִק, האָב קיין יסורים,
דײַן ווײַב וועט דיר דאָס האַרץ אויסעסן,
דו זאָלסט נאָר ניט אַן משקה פֿאַרגעסן;
דו וועסט פֿון דײַן ווײַב קללות הערן,
דורך משקה וועלן זיי ברכות ווערן.

און ווען דײַן ווײַב פֿאַרקרימט דעם נאָז,
טרינק דו באַלד אויס אַ גרויסע גלאָז,
ווען זי וועט אויף דיר טאָן אַ געשריי,
דו טרינק באַלד אויס איינס און צוויי;
זאָל זי זיך שרײַען ניט אויפֿהערן,
און דו זאָלסט נאָר די גלעזער קערן.

אַזוי איז טאַקע פֿאַר צײַטן געשען;
דער עץ-הדעת איז אַ ווײַנשטאָק געווען.

די חוה האָט דעם אָדם אָנגערעדט,
ער זאָל טרינקען משקה, עס איז קיין חטא.
ווען אָדם וואָלט חלילה די משקה ניט ליבן,
וואָלט ער זײַן חוה אַרויסגעטריבן.

ווען דו ביסט געהויבן אָדער אַרונטער,
טרינק נאָר די משקה און זײַ גאָר מונטער;
ווען דיר איז אַ מאָל די צײַט ניט גוט,
דו טרינק נאָר משקה, פֿאַרליר קיין מוט.
דורך משקה ווערט יעדער שטאָלץ און פֿריילעך;
פֿון אַן אונטער־שמש ווערט אַ מלך.

איך האָב די משקה ליב מיט איר זיס לשון,
אמת, זי קאָסט מיר מײַן לעצטן גראָשן,
איך האָב שוין קיין געלט, נאָר אַ ביסל נאמנות;
אמת, איך גיב גאַנץ גוטע משכּנות;
אַבי איך בין לוסטיק און וויל ניט זאָרגן,
וואָס אַרט מיך הײַנט וואָס וועט זײַן מאָרגן?

מײַן ביסעלע יאָרן ווען איך וועל אויסלעבן,
וויל איך, מען זאָל מיר אין קבֿר מיטגעבן
אַ פֿעסעלע משקה נאָענט בײַ דער וואַנט,
אַ גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האַנט;
צו תּחית המתים בין איך ווידער דאָ
און טרינק באַלד משקה אין דער ערשטער שעה.

דער בורא זאָל נאָר מײַן תּפֿילה צוהערן,
אַז דער אַקציז זאָל באַלד בטל ווערן.
עס זענען שולדיק די דורות מיט זייערע עבֿירות,
וואָס משקה האָט נעבעך אויף זיך די גזירות.
צדיקים זענען געווען אונדזערע אָבֿות־אָבֿותינו,
זיי האָבן ניט געוווּסט פֿון אַקציז און פּיטײַנע*.

*=אַפּצאַל פֿונעם שענק.

איך האָב געהערט פֿון פֿרומע לײַט,
אַז גוט וועט זײַן אין משיחס צײַט:
פֿיל משקה וועט זײַן פֿאַר אָרעם און רײַך,
פֿול משקה וועט זײַן איטלעכער טײַך.
איך וואָלט שוין דערלעבן משיח זאָל קומען,
וואָלט איך ווי אַ פֿיש אין טײַך געשווומען.

נאָר זאָל זיך שוין זײַן ווי עס איז,
איך טרינק מײַן משקה און צאָל אַקציז.
זאָל זיך אין טײַכן וואַסער לויפֿן,
איך קען מײַן משקה אין שענקל קויפֿן;
די מיצווה פֿון משקה בין איך תּמיד מקיים,
און זאָג אַלע ווײַלע: לחיים! לחיים!